# צום פינטל

גליון כב

יו"ט ראשון של פסח תשפ"ג

משיעורי הרב שלום לאנגסאם שליט"א | בהוצאת מכון מישרים

## מועדים

קרבן פסח ועניני שלמות

### • שלמות בדיני קרבן פסח

די קרבן פסח דארף מען בראטן גאנצערהייט, ראשו על כרעיו ועל קרבו, אויב 'בדיעבד' האט מען עס נישט געבראטן גאנצערהייט איז א מחלוקת ראשונים, רש"י האלט אז ס'איז פסול, און תוס' האלט אז בדיעבד איז עס נישט מעכב. די אחרונים (זהב שבא עמ' שי"ז) פרעגן אויף רש"י אז געווענטליך ביי קדשים ווייסט מען דאך אז ס'דארף זיין 'שנה עליו הכתוב לעכב', פון ווי זאל מען נעמען אז בדיעבד איז עס פסול.

ויש לומר אז די צליית קרבן פסח 'בשלמות' איז א חלק אין די עצם מהות הקרבן אז ער דארף זיין שלם, ס'איז נישט ווי עפעס א 'תוספות פרטי' אין די דיני הקרבן, ממילא אפילו ס'איז נישט 'שנה עליו הכתוב לעכב', איז עס מעכב ווייל דאס איז זיין עצם צורה, די מהות און די צורה פונעם קרבן פסח איז א קרבן בשלמות.

און אזוי זעהט מען פילע דינים ביים קרבן פסח וואס האבן צוטוהן מיט 'שלמות' און חשיבות, ווי דער הייליגע מהר"ל (גבורות השם פרק ס) איז מאריך אין דעם אז כמה ענינים ביים קרבן פסח ווייזן אויף שלמות און חשיבות, און ער שטעלט אוועק א יסוד אז דאס איז די מהות פונעם קרבן פסח, א קרבן פון אחדות און שלמות. ממילא קען מען פארשטיין אז בראטען כולו בבת אחת איז מעכב ווי שיטת רש"י, ווייל ס'איז טאקע נישט 'שנה עליו הכתוב לעכב', אבער ס'איז מעכב מכח זיין עצם צורה.

וועלן מיר ברענגען כמה זאכן וואס דער מהר"ל רעכנט דארטן אויס, ענינים ביים קרבן פסח וואס ווייזן אויף 'שלמות' און אחדות, אויך וועלן מיר צולייגען עטליכע ענינים, און באמת קען מען טרעפן נאך, אבער פאר יעצט וועלן מיר זיך באגעניגען מיט ניין זאכן.

• די קרבן פסח ווערט אנגערופן 'שלמים' מלשון 'שלמות'.

• מען דארף בראטן די קרבן פסח די גאנצע זאך אויף איינמאל, ראשו על כרעיו ועל קרבו, די גאנצע זאך בשלמות.

• ס'איז נאר כשר דורעך בראטן און נישט דורעך 'בישול', ווייל די טבע פון 'בישול' איז צו ווייעך מאכן די פלייש און איר צוטיילען אויף שטיקלעך, אבער 'בראטן' איז מצמצם מדבק און מחבר די חלקים פון די פלייש צו איינס, דאס איז די טבע פון 'צלייה'. איז היות די קרבן פסח איז מסמל אחדות און שלמות, האט די תורה געזאגט אז זי איז כשר נאר דורעך בראטען.

> **דער הייליגע מהר"ל (גבורות השם פרק ס) איז מאריך אין דעם אז כמה ענינים ביים קרבן פסח ווייזן אויף שלמות און חשיבות, און ער שטעלט אוועק א יסוד אז דאס איז די מהות פונעם קרבן פסח, א קרבן פון אחדות און שלמות**

• 'צלייה' קאכט די פלייש 'מיניה וביה', פון די אייגענע זאפט און לכלוכית, אהן דארפן צולייגען זאפט פון אינדרויסן, וואס דאס איז מבטא 'שלמות', א שלמות פון זיין זיך אליינס, אהן דארפן אריינמישען פון אנדערע (עי' שם במהר"ל).

• דער דין איז אז מ'טאר נישט צוברעכן די ביינער פון דער קרבן פסח, אירע 'אברים' דארפן זיין גאנץ, זיי דארפן זיין 'בשלמות'.

• די קרבן פסח טאר מען נישט עסן 'נא' האלב געבראטן, ס'מוז זיין אינגאנצן געבראטן, וואס דאס איז מבטא 'שלמות'.

• א 'ערל' און 'בן נכר' טארן נישט עסן פון די קרבן פסח, א 'ערל' איז א חסר, ער איז ווי א בעל מום, 'מילה' איז 'שלמות' (והיה תמים'), און א 'ערל' איז פארקערט, א ערל איז א בעל מום, א חסר. און אזוי אויך א 'בן נכר' ווערט פארעכנט ווי א 'ערל', ווי די פסוק זאגט 'וכל בן נכר ערל לב', ער איז אויך א חסר, א בעל מום, וואס פעלט אים 'שלמות' (מ'טרעפט צומאל אז מ'ריפט אהן א 'בן נכר', א בעל מום).

• אויך איז דער דין אז די קרבן פסח דארף געגעסן ווערן 'בבית אחד', ווי די תורה זאגט 'בבית אחד יאכל', יעדער לשיטתו, צו א בית אחד ממש (ר' יהודה), אדער און איין חבורה (ר' יוסי), וואס דאס אלץ ווייזט אויף 'שלמות' נישט צו צוברעכן די חבורה אינמיטן עסן. און אין דעם איז אויך נכלל די דין פון 'למנוי', אז א קרבן פסח דארף געגעסן ווערן מיט א שלמות'דיגע חבורה, וואס מ'האט זיך ארויפגעציילט אויף דעם מתחילתו.

• אזוי אויך די דין אז די קרבן פסח דארף געגעסן ווערן 'על השובע', איז מבטא 'שלמות', אז מיט דעם איז מען 'משלים' די אכילה. אזוי אויך אז נאכן עסן די קרבן פסח טאר מען נישט מער עסן אנדערע זאכן, דאס איז אלץ א ענין פון 'שלמות', אז מיטן קרבן פסח איז מען גומר די אכילה, און נאך אים דארף מען נישט מער גארנישט.

### • שלם בלי ניקור

אויף ווי ווייט קרבן פסח דארף זיין מיט די גאנצע שלמות, קען מען זעהן פון די סוגיא פון 'שמנו וגידו'. ס'איז ידוע די דעת הרמב"ם (הל' קרבן פסח פ"י ה"א) אז די צליית קרבן פסח דארף זיין צוזאמען מיט די גיד הנשה - 'שמנו וגידו' אהן קיין ניקור, און די ראב"ד קריגט זיך מיט א מרירות, וזה לשונו "בחיי ראשי דאין איסור גדול מזה שיצלה הפסח עם גיד הנשה ועם שמנו, ועם תרבא דתותי מתני, ועם קרומות שבראש, ואם אזכה ואוכל פסח ויביא לפני כזה הייתי חובטו בקרקע לפניו". (ועי' במאירי - פסחים עד ע"א – וואס ער ברענגט א סיוע צום רמב"ם פון די גמ' אין פסחים פג ע"ב).

די אחרונים זענען מסביר דעם דעת הרמב"ם אז דאס איז א גזירת הכתוב אז ביי צליית הפסח דארף מען נישט חושש זיין אויף די בליעות פון די גיד וחלב, ווייל דאס איז די מצוה פונעם קרבן פסח, צו בראטן גאנצערהייט, די בראטן איז נישט א פרטיות'דיגע דין אין אכילת קרבן פסח, נאר זי איז א חלק פונעם קרבן פסח גופא, אז ער מוז זיין גאנץ, און וועגן דעם איז עס מתיר אפילו די איסור'דיגע בליעות פון

המשך בעמוד הבא

'שמנו וגידו' (ועי' בספר זרע אברהם לחתן האו"ש בסימן כ' ו בטעם הרמב"ם דס"ל דחזינן בפסח מצרים דודאי היה נצלה כולו עם הגיד והחלב דעדיין לא נזהרו עליהם, ואם כן גדר 'שלם' היא בהכרח עם שמנו וגידו. אבל ידוע דיתכן דאין ללמוד מפסח מצרים דהיה רק הוראת שעה).

## צלייה שלא לאכילה

די אחרונים האבן א חקירה צו די צליית קרבן פסח איז נאר לצורך די עסן, ס'איז א היכי תמצי אויף די חיוב 'אכילת צלוי', אדער די בראטן אליינס איז א מצוה, און די נפקא מינה וועט זיין ביי איינער וואס איז געווארן א חולה ערב פסח און ער ווייסט אז ביינאכט גייט ער נישט קענען עסן פונעם קרבן, צו האט ער נאך אלץ א מצוה ערב פסח אויף די עצם בראטן אפילו מ'גייט עס נישט עסן.

איז בפשטות וואלט מען זיכער געזאגט אז די בראטן איז נאר לצורך די עסן, אבער למעשה ברענגן די אחרונים כמה ראיות אז די צלייה איז א דין אין די עצם מהות פונעם קרבן פסח אז ער דארף זיין שלם וחשוב געבראטענהייט, און אפילו אויב ער וועט בודאי נישט עסן פון דעם, אעפ"כ איז דא א חיוב צלייה אלץ די מהות הקרבן גופא. (עי' בשיעורי ר' שמואל אות כ"ג, ובמנחת אברהם זבחים ח"ב עמ' ק"פ, ובמשנת יעבץ או"ח סי' כ"ד, ועי' בחי' הגרי"ז ט' א' בסופו).

מ'פארשטייט עס גוט מיט דעם יסוד פון 'שלמות', ווייל די צלייה כולו כאחד, ראשו על כרעיו, איז מוסיף אין די שלימות שבו, ס'איז מוסיף אינעם שלמות הקרבן, ס'איז מדבק אירע חלקים זה לזה, ס'איז מבשל ומרכך מיניה וביה, און דאס פעלט זיך אויס פאר איר חשיבות אפילו אויב מ'גייט נישט עסן פון דעם, אדרבא בשעת'ן עסן פאלט שוין אוועק פונעם שלמות, בשעת'ן עסן שנייד מען שוין אראפ שטיקער, די עיקר שלמות איז דוקא פארן עסן. איז וועגן דעם אפילו אויב מחמת אונס גייט ער בודאי נישט עסן פון דעם, אעפ"כ איז ער חייב עס צו בראטן 'שלם' בעצם.

## עצמות שבורות

די איסור פון 'שבירת עצמות' האט צוטוהן מיט'ן 'שלמות' פונעם קרבן, ויש לומר אז דאס איז במיוחד אויף די עצמות ווייל די ביינער זענען די עיקר בנין הבהמה, זיי זענען איר עיקר 'שלמות', איז דוקא אויב מ'צוברעכט די ביינער, מאכסטו עס במיוחד אויס 'שלם' און אויס חשוב. אף על פי אז בשעת'ן עסן איז שוין די קרבן פסח ממילא נישט גאנץ, מ'שניידט פון דעם שטיקער פלייש, אבער על כל פנים די ביינער, די 'אברים', וואס זיי זענען די עיקר חשיבות פונעם בנין הבהמה, זיי דארפן אלץ בלייבן גאנץ.

די הלכה איז (רמב"ם הלכות קרבן פסח פרק י') אז ס'איז נישט דא קיין איסור שבירת עצמות נאר אויב ס'איז דא אויף די אבר א כזית בשר. (יש אומרים - אור שמח קהלת יעקב ועוד – אז די קולא איז נאר אויב ס'האט קיינמאל נישט געהאט קיין כזית, ווי למשל קליינע ביינער וואס מעולם האבן זיין נישט געהאט קיין כזית בשר). ויש לומר אז דאס איז אויך א דין אין 'שלמות', ווייל א 'אבר' וואס האט א כזית בשר איז א חשובע אבר, א חשובע ביין (כמבואר בהל' טומאת אהל, וכן כלפי מלקות על אבר שלם ועוד מקומות), איז ביי אים איז די דין אז מ'טאר אים נישט צוברעכן, מען איז מחויב אים צו לאזן מיט זיין חשיבות, משא"כ א ביין וואס איז ממילא נישט חשוב, ס'האט נישט קיין כזית בשר, מעגסטו אים צוברעכן.

די לומדים (קונטרסי שיעורים נדרים כד ז) האבן א חקירה צו די איסור שבירת עצמות איז א דין בפעולה אדער אינעם נפעל, ס'איז א איסור אויפן גברא וואס ברעכט דעם ביין (פועל), אדער איז עס א איסור אויפן גוף פונעם קרבן פסח אז ער זאל נישט ווערן געבראכן (נפעל). לויט ווי מ'האט געשמועסט פארשטייט מען גוט אז ס'זאל זיין א דין אינעם 'נפעל', אז די גוף פונעם קרבן דארף בלייבן חשוב און גאנץ, די גוף דארף בלייבן 'שלם'.

## נאכל על השובע

די קרבן פסח איז 'נאכל על השובע', בפשטות איז דאס א ענין פון שלמות און חשיבות, אז מיט איר איז מען גומר די סעודה (עי' רש"י). הגם ס'איז דא א פרקערטע סברא אז עסן 'לתיאבון' איז מער חשיבות, אזוי ווי ס'שטייט אנפאנג ערבי פסחים, אבער דאס איז לכאורה נאר ביי ברויט, ביי לחם, וואס דאס איז די עיקר פונעם סעודה, דארטן איז ווי מער הונגעריג מ'איז, איז עס מער חשוב, אבער ביי פלייש איז די חשיבות פארקערט אז מ'עסט עס ווי א מלך על השובע.

אין ירושלמי (עי' תוס' פסחים ע ע"א) שטייט א אנדערע טעם פארוואס ס'איז 'נאכל על השובע', אז דאס איז א סייג וגדר מ'זאל נישט צוקומען צו שבירת עצמות, ווייל ווען א מענטש איז הונגעריג צוברעכט ער ביינער, ער איז נישט רואיג און ער נאגט אויס די ביינער עד הסוף.

און באמת ליגט אין דעם טעם אויך אביסל א ענין פון שלמות און חשיבות, אז א מענטש קומט צום קרבן פסח אין א מצב פון א 'חסרון', אויס'געהונגער'טערהייט, איז ער אליינס אין א נידריגע און א ביליגע מצב, א מצב פון עניות, און דאס איז גורם במיוחד אז ער זאל אראפ שלעפן די גאנצע חשיבות פונעם קרבן פסח, ער זאל איר עסן ווי א ארימאן צוברעכנדיג דערביי די ביינער. איז וועגן דעם האט די תורה געזאגט אז מ'דארף עס עסן 'על השובע', ער זאל קומען צום קרבן פסח ווי א עושר, זאטערהייט ווי א מלך, מיט די ריכטיגע שלמות און חשיבות, ממילא וועט ער נישט אראפ שלעפן די חשיבות פונעם קרבן, און ער וועט נישט צוקומען צו שבירת עצמות.

## ענינים בשלמות קרבן פסח

לאמיר ברענגען נאך עטליכע דינים און ענינים וואס מ'טרעפט ביים קרבן פסח, בקשר צו די דאזיגע ענין פון שלמות און חשיבות:

דער קרבן פסח ווערט אנגערופן 'גדי מקולס' ווי די ברייתא זאגט "איזהו גדי מקולס כו', כל שצלאו כולו כאחד כו' (און בזמן הזה טאר מען נישט אזוי בראטן די פלייש פארן סדר). די טייטש פון 'מקולס' איז 'באוואפנט', דער קרבן פסח איז אנגעגארטעלט אין באוואפט מיט אלע זיינע חלקים, ענדליך צו א סאלדאט וואס גייט ארויס אין מלחמה אנגעגארטעלט מיט אלעס, מיט די גאנצע שלמות, 'מזיון' מיט די כלי מלחמה און מיט 'מזון' (מזיון' מלשון 'מזון') און מיט אלעס וואס מ'וועט דארפן.

איך האב געהערט פון א חשוב'ע בחור א רמז אויף די לשון המשנה אין איזהו מקומן (זבחים פרק ה ח) וואס מען זאגט יעדן טאג "הַבְּכוֹר וְהַמַּעֲשֵׂר וְהַפֶּסַח, קָדָשִׁים קַלִּים... הַפֶּסַח אֵינוֹ נֶאֱכָל אֶלָּא בַלַּיְלָה, וְאֵינוֹ נֶאֱכָל אֶלָּא עַד חֲצוֹת, וְאֵינוֹ נֶאֱכָל אֶלָּא לִמְנוּיָיו, וְאֵינוֹ נֶאֱכָל אֶלָּא צָלִי". זאגט ער אז די משנה דריקט פיר מאל די לשון 'אלא', די משנה דריקט אז מ'מעג עס עסן נאר אזוי און נאר אזוי, וואס דאס אלץ איז מבטא אז די מציאות פון קרבן פסח איז שלמות.

דער דין איז א פסח שבא בטומאה האט נישט קיין איסור פון שבירת עצם כמבואר ברמב"ם הלכות קרבן פסח פרק י'. מ'קען זאגן אויף דעם א טעם, ווייל 'פסח שבא בטומאה' איז ממילא נישט קיין שלום'דיגע זאך, ס'איז ממילא נישט בשלמות, ממילא פארלאנגט שוין נישט די תורה די זהירות און דקדוקים שבה וואס זענען מחמת 'שלמות', איז וועגן דעם מעג מען שוין אפילו צוברעכן די ביינער, ס'דארף נישט זיין מער בשלמות.

ס'איז ידוע פונעם ספר החינוך און פון אנדערע אז די קרבן פסח דארף מען עסן ווי מלכים, למשחה לגדולה, ס'איז א קרבן פון 'חירות' און גאולה. ויש לומר אז וועגן דעם פארלאנגט די תורה אזוי שטארק אז די קרבן זאל זיין מיט איר פולסטע שלמות, ווייל דאס איז די סדר פון מלכים

המשך בעמוד האחרון

### • כל דכפין ייתי ויכול

פסח ביי דערנאכט זאגט מען 'הא לחמא עניא וכו' כל דכפין ייתי וייכול וכו', אלע פרעגען צו וועמען רעדט מען דא, די ארעמעלייט וואס דארפן דאס הערן זענען דאך נישט דא, איז וואס די תכלית פון דאס זאגען. איז דער מהרש"ל (שו"ת סימן פח) זאגט אז מ'זאל עס זאגען מיט א הויכע קול, כאילו מ'איז מודיע פאר יעדן אריינצוקומען, דארף מען דאך אבער פארשטיין אז למעשה מיט א צוגעמאכטע טיר וועלן זיי זיכער נישט הערן.

איז דער חק יעקב (שו"ע סי תע"ג אות ל"ג) שרייבט באמת בשם די כנסת הגדולה (בספרו פסח מעובין) אז אנשי מעשה פירן זיך צו עפענען די טיר ביי 'הא לחמא', אבער למעשה לפי די מנהג פון רוב מענטשן אז מעפענט נישט די טיר, דארף מען פארשטיין וואס איז די תכלית פון דאס זאגען. און בפרט היינטיגע צייטן אז מ'ווייסט אז ס'דרייען זיך נישט קיינע ארעמעלייט אויפן גאס זיכנעדיג ווי צו עסן, איז וואס מיינט מען זאגענדיג די ווערטער.

ס'קען זיין אז היות פסח ביי דערנאכט איז דאך די ענין פון 'חירות', וויל מען פשוט אריינקומען אין די 'חירות' געפיל, איז דערפאר שרייט מען אויס 'כל דכפין ייתי ויכול' צו דערהערן א טיפע אפענקייט אינעם נפש אז ער איז גרייט צו עפענען זיינע טירן ברייט, ווער ס'וויל און ווען מ'וויל און וואס מ'וויל, יעדער קען אריינקומען, און דאס איז א גוטע 'פתיחה' צו די סדר נאכט, צו פראווונען די סדר מיט א ברייטע געפיל, מיט א געפיל פון חירות.

### • פתח לבביה ואמר

די פיוט איז לכאורה געבויט אויף די גמרא (תענית דף כ ע"ב) וואס די גמרא פארציילט אויף רב הונא "כי הוה כרך ריפתא, הוה פתח לבביה ואמר, כל מאן דצריך ליתי וליכול". איז די לשון הגמרא איז פלא'דיג, ס'שטייט נישט אז ער האט געפענט זיין טיר, נאר 'פתח לבביה', ער האט געפענט זיין הארץ, ער האט נישט פארמאכט זיין הארץ צו עסן דוקא אליינס, ער מצידו האט געפענט זיין הארץ פאר יעדעם, און ווער ס'האט געדארפט געוואר ווערן, איז שוין געוואר געווארן.

משל למה הדבר דומה צו ר' ישעי'לס קאך, וואס קיינער דארף עס נישט עדווערטייזן, יעדער ווערט שוין אליינס געוואר ווי מ'קען קומען עסן. וואלט מען נישט געטיילט מיט די גאנצע הארץ, וואלט מען געדארפט עדווערטייזן בשווקים וברחובות, אבער אז מ'געט און מ'טיילט מיט די גאנצע הארץ, דארף מען נישט קיין שום עדווערטייזן, די אפענע הארץ שלעפט שוין בעלנים פון אלע זייטן, יעדער קומט צו לויפן צו א אפענע הארץ, יעדער קלעבט צו פלעצער וואס די הארץ איז אפען. אזוי ווי מ'זעט ביי געשעפטן וואס ס'איז דא א אפענע הארץ, דארף מען דארט גארנישט עדווערטייזן, 'חברך חברא אית ליה' און יעדער קומט גלייך צו לויפן.

יעצט דאס איז פשט מיט רב הונא, רב הונא האט געפענט זיין הארץ און געזאגט 'כל מאן דצריך ליתי וליכול', איז דאך שווער אז די ארימעלייט האבן עס נישט געהערט, בשלמא ווען ער עפענט ווען אויף די טיר זיינער, וואלטן די ארימעלייט געהערט און געקומען, אבער זיצען ביי זיך אינדערהיים אין עפענען די הארץ און זאגען עטליכע ווערטער, וואס קען פון דעם ווערן, א צוגעמאכטע טיר מיט א אפענע הארץ וואס איז דאס ווערט.

אבער באמת די קשיא איז די תירוץ, יא! ס'פעלט נישט אויס צו עפענען די גשמיות'דיגע טיר, עפען נאר דיין הארץ און פון זיך אליינס וועט זיך שוין די גשמיות'דיגע טיר עפענען, די ארעמלייט זענען נישט אינטערסירט אין די 'נוסח' פון די ווערטער, ס'גייט זיי נישט אהן צו די האסט עס געזאגט אין אראמיש אדער אין לשון קודש, זיי זוכען איין זאך, זיי זוכען א הארץ וואס איז אפען, זיי ווילען פילען א אפענע שטוב. די קענסט זיצען ביי דיך אינדערהיים און עפענען דיין הארץ, און 'בדרך לא דרך' ווערט שוין יעדער געוואר ווערן, ס'וועט שוין 'ארויסליקען' אין די אפענקייט, און פלוצלינג וועסטו זיך זעהט ארומגענומען מיט עטליכע מנינים יידען וואס קומען ביי דיר יונק זיין.

און אזוי זענען די מפרשים מסביר אויך ביי 'הא לחמא עניא', די זאלסט עפענען דיין הארץ פאר יעדעם מיט א אמת, 'כל דצריך ייתי ויכול' און די יידען וואס דארפן דיין הילף וועלן שוין געוואר ווערן דערפון, ווער ס'דארף געוואר ווערן וועט שוין געוואר ווערן. ס'איז אנדערשט ווי די גשמיות'דיגע וועלט וואס אויב מ'עטוווערטייזט נישט, גייט מען נישט וויסן, מ'מוז עדווערטייזן, דא ביי א אפענע שטוב ארבעט עס נישט אזוי, אז דיין הארץ ווערט באמת זיין אפען, די וועסט באמת ליב האבן און ווארטן פאר די געסט, וועסטו זעהן אז זיי וועלן שוין אנקומען, אז נישט די יאר, איז נעקסטע יאר, אז נישט ביים סדר נאכט, וועלן זיי אנקומען אין מיטן יאר, זיי וועלן שוין אריינבאמפען אין דיר.

**די זאלסט עפענען דיין הארץ פאר יעדעם מיט א אמת, 'כל דצריך ייתי ויכול' און די יידען וואס דארפן דיין הילף וועלן שוין געוואר ווערן דערפון, ווער ס'דארף געוואר ווערן וועט שוין געוואר ווערן**

ס'איז באקאנט די מורא'דיגע זאכן פון האבן געסט ביים סדר טיש, און באמת ביי יעדער שבת און יום טוב שטייט מורא'דיגע זאכן אין זוהר הקדוש, אבער פסח צום סדר איז עפעס ספעציעל, ס'איז דא וואס ברענגען אפילו אז ס'איז א סגולה פאר 'גילוי אליהו', וויל אויב די שטוב איז אפען פאר געסט, איז עס שוין אויטאמאטיש אויך אפען פאר אליהו הנביא, און ס'איז געווען צדיקים וואס האבן ממש זוכה געווען אים צו זעהן, און אפילו פון פשוט'ע יידען איז דא באקאנטע מעשיות. און דאס איז אלץ פון די חירות'דיגע געפיל, פון די אפענקייט וואס איז דא פסח ביינאכט אריינצונעמען יעדן איינעם.

### • לשנה הבאה בני חורין

ביי 'הא לחמא עניא' פירט מען אויס 'השתא הכא לשנה הבא בארעא דישראל, השתא עבדי לשנה הבאה בני חורין', לכאורה זיך ווינטשען מיט די גאולה טרעפט מען נאך א געפראוועכץ, נישט פאר דעם, ווי מ'זעט ביי שמחת תורה נאך די הקפות, נאך א חתונה ענדיגען די מנגנים מיט 'לשנה הבאה', ביים ענדיגען די הגדה זינגט מען 'לשנה הבאה', אבער ווי קומט עס אריין אנפאנג סדר, ווי קומט דארט אריין זיך צו ווינטשען מיטן ארויף גיין קיין ארץ ישראל.

נאר פשט איז, אז דאס איז א חלק פון די 'חירות' געפיל, קודם פאנגט מען אהן מיט'ן שעבוד, 'הא לחמא עניא', דערנאך גייט מען אריין אין א ברייטע געפיל, א געפיל פון חירות, ווער

המשך בעמוד האחרון

# הגדה של פסח



ס'וויל זאל אריינקומען, 'כל דצריך ייתי ויכול', די טיר איז אפען פאר ווער ס'וויל, יעדער איז 'פאלי יעלקאם', און דערנאך איז מען ממשיך מיט די דאזיגע געפיל פון חירות, ביז צו די גאולה, וואס דאס איז נאך א גרעסערע געפיל פון אפענקייט און פון חירות.

און אלעס קומט אריין יעצט פארן סדר, כדי אריינצוגיין אינעם סדר מיט אן אפענע געפיל, ס'איז נישט ווי מ'ווינטשט זיך נאך א געפראוועכץ אז מ'זאל זוכה זיין צו פראוונען אין ירושלים, ס'איז פשוט אנצופאנגען די סדר מיט א חירות'דיגע געפיל, מיט א געפיל פון אפענקייט.

ביי 'שפוך חמתך' פירט מען זיך צו עפענען די טיר, און מ'זאגט מיט א גרויסע התעוררות 'שפוך חמתך וכו'', דארף מען פארשטיין ווי קומט עס אריין דא פסח ביידערנאכט, איז בפשטות איז דאס א התעוררות צו די גאולה, נאכען ווערן אזוי נתעורר פון אלע ניסים ביז אהער. אבער ס'קען זיין אז דאס מקושר צו די 'אפענקייט' און חירות פסח באדערנאכט, מ'האט אנגעפאנגען די סדר מיט א אפענקייט און א 'חירות' ביי 'הא לחמא עניא', און אזוי ענדיגט מען דעם סדר מיט א 'חירות' און א אפענקייט, מיט א שמחה אויף די 'נקמה' פון די גוים וואס פייניגען די יידען אין גלות.

# מועדים

המשך

אז אלעס איז ביי זיי בשלמות הראוי. ווייל א זאך וואס האט א 'חסרון' איז דאס נישט נאר די חסרון גופא, נאר דאסווארפט א שלעכטע שאטן, א שלעכטע געפיל, אויף די גאנצע זאך, און פארקערט א זאך וואס איז בשלמות, איז דאס נישט נאר די עצם שלמות, נאר די גאנצע כללות הדבר באקומט א חשיבות, א מלכות'דיגע בליק.

אזוי ווי מ'זעט בחוש ווען א מענטש האט א נייע קאר וואס שפיגלט בלי שום חסרון, דאן האט עס א מורא'דיגע חשיבות, אבער טאמער באקומט די קאר נאר אפילו איין קליינע זעץ, דאן טראסקט אראפ די גאנצע חשיבות פונעם קאר, אפילו די זעץ איז נאר א קליינע, ממשביים עק, אבער למעשה די קאר האט פארלוירן איר גלאנץ פון שלמות, ס'האט שוין א שאטן פון חסרון. אזוי אויך אין יעדע זאך די שלמות פון די זאך גיט צו אן עקסטערע גלאנץ וואס נעמט ארום די גאנצע זאך אלעס און איינעם און הייבט איר צו א גרויסע דרגא און חשיבות, און דאס פארלאנגט זיך דא פסח ביי דער נאכט אז ס'זאל זיין א קרבן פסח מיט די גאנצע שלמות.

### ◆ ענינים פון שלמות בליל הסדר

אזוי ווי די קרבן פסח ווייזט אויף שלמות און חשיבות, אויף חירות, אזוי איז דא נאך זאכן בליל הסדר וואס מ'קען טרעפן ענינים ורמזים אין די נקודה פון שלמות און חשיבות.

ביי די מצות פירט מען זיך צו מאכן די המוציא אויף די פריסה און אויך אויף די שלמות (עי' תוס פסחים קטז ד"ה מה דרכו ובתוס' ברכות פרק כיצד מברכין מחלוקת בזה). איז אין די שלמות איז מרומז די ענין פון שלמות פסח ביידערנאכט כדרכם של מלכים. אויך ביי די כוסות איז דא א יש אומרים אז מ'דארף טרינקען די גאנצע כוס, וואס אין דעם איז אויך דא א רמז אויף 'שלמות' במיוחד פסח ביינאכט, ווייל א גאנצע יאר איז דאך גענוג צו טרינקען א מלא לוגמיו.

נאך א רמז קען מען צולייגען צו די ענין פון שלמות, די פסוק זאגט (בראשית יד יח) "וּמַלְכִּי צֶדֶק מֶלֶךְ שָׁלֵם הוֹצִיא לֶחֶם וָיָיִן וְהוּא כֹהֵן לְאֵל עֶלְיוֹן: און די חז"ל זאגען אז דאס איז געווען בליל פסח (ווי די פסוק זאגט - שם טו - 'ויחלק עליהם הלילה וגו'), ויש לומר אז וועגן דעם ווערט ער דערמאנט מיט דעם נאמען 'מלך שלם', ווייל פסח ביינאכט איז די ענין פון שלמות (און דאס איז אנטקעגען דעם 'ויחלק עליהם הלילה', דכנגד החליקה קומט די ענין פון שלמות). און אויף דעם גייען ארויף די רמזים פון 'לחם ויין', אנטקעגען די מצה און די ד' כוסות.

ס'איז ידוע אין די מדרשים אז ביי פסח מצרים האט די אייבישטער גענומען די יידען מיט וואלקענעס צו עסן די קרבן פסח אין ירושלים. ויש לומר אז דאס איז אויך מרמז אויף די 'שלמות' ביי קרבן פסח, ירושלים איז די אותיות – ירא-שלם מלשון שלמות. און דאס זאגט מען ביי די פיוט פון 'דיינו', מ'גייט ארויף העכער און העכער, און די שפיטץ איז ווען מ'קומט אהן צו 'ובנה לנו את בית הבחירה לכפר על כל עוונותינו', מ'קומט אהן צו ירושלים ירא-שלם, מ'קומט אהן צום בית המקדש, די מקום 'שלמות' פון כלל ישראל.

### ◆ התעוררות בשלמות

די ספרים הקדושים זאגען אז ביים סדר נאכט באקומט מען א התעוררות מלמעלה, די שפע קומט אריין אויף איינמאל, און נאכדעם נעמט מען עס צו, און מ'באקומט עס צוריק בהדרגא לפי די איתערותא דלתתא אין די ימי הספירה. דאס איז מרמז א ענין פון 'שלמות', אז מ'באקומט אלעס מלמעלה אויף איינמאל, און שפעטער אין די ימי הספירה וואס מ'באקומט עס לפי די כוחות פונעם מענטש, דאס איז מרמז אויף מדידה והגבלה בהדרגה אהן קיין שלימות.

פסח איז די מנהג צו זאגען שיר השירים, ווייל די פסוקים גייען ארויף אויף יציאת מצרים און מתן תורה (רש"י שם). שיר השירים איז א ענין פון 'שלמות', ס'איז 'קודש קדשים' די 'שלמות' הקדושה, און די חתן כביכול ווערט אנגערופן 'שלמה', מלך שהשלום שלו, און די כלה ווערט אנגערופן 'שולמית' (אזוי ווי מ'פירט אויס סוף שיר השירים) א ענין פון 'שלמות'. (עי' חתם סופר - על התורה ויקרא סו – אז 'שולמית' איז נישט מלשון 'שלום' בלי מחלוקת, נאר מלשון שלימות, אז ווען די יידען זענען בשלמות אין תורה ומצוות, ווערן זיי אנגערופן שולמית, און דער אייבישטער כביכול 'מלך שהשלום שלו').

שטייט אין מלבי"ם (מלכים א ה יא) אויף די מעלה פון די חכמה פון שלמה המלך, אז זיין חכמה איז געקומען צו אים אויף איינמאל, נישט בהדרגא, אנדערשט ווי אלע אנדערע חכמים וואס זייער חכמה קומט בהדרגה. קומט אויס פסח ביינאכט ווען די שפע קומט אויף איינמאל, נישט בהדרגה, דאן איז ריכטיג צו זאגען 'שיר השירים' וואס דאס איז די חכמה פון שלמה המלך וואס איז אויך געקומען צו אים אויף איינמאל.


**נא לא לקרוא הגליון בעת התפילה**

בקול הלשון - הרב שלום לאנגסאם 16466550559 - אויף אידיש 1, שיעורים מהתקופה האחרונה 1, דיבאטעס 2, יום יומי שיעורים 3 (הלכה יומי-לומדות יומי-ביזנעס יומי-חיזוק יומי-נפש יומי-חינוך יומי), על הפרשה 4, משנה וגמרא 5, הלכה 6, מוסר וחסידות 7, סיפורי צדיקים 8, אינטערסאנטע טאפיקס 9, שבת 10, מועדים 11, נשואין 12 | נ"ך 2 - שיעורים על רוב תנ"ך

**אם ברצונכם לקבל את הגליון במייל, נא לפנות: shalomlangs@gmail.com**

**לנדב הגליון, או לפרסם בו, וכן להזמין את הרב למסור שיעורים בישיבות ובכוללים, נא להתקשר למכון מישרים 845-274-3516**


עיצוב: י.ב. +972-52-763-3424